# קאנסטיטושאן

דער

## חברה אנשי ליזבאוויטש נוסח האריי

אף בארא פארק



גענרינדעט ר"ח סיון תרע"ד

1914

מענדעל ביילים פרעס, אינק.
382 לאפאיעט סטריט, ניו יארק

# בעאַמטע

מנחם מענדעל העלפגאָט, עקס פרעזידענט און גבאי ראשון

אהרון האָלענדער, עקס פרעזידענט און גבאי שני

יצחק אייזיק לעווין, עקס פרעזידענט

צבי הערצבערג, פרעזידענט

זאב הוירקין, וויים פרעזידענט

זאב פישקינד, טרעזשורער

שאול הערמאַן, סעקרעטער

| | |
|---|---|
| יהושוע זאב גיטעלסאָן<br>יצחק מיטשעל<br>אברהם חיים פינק<br>גדלי' ליב קאָף<br>זוסמאַן ווייטצמאַן | טראָסטיעס |

אלה קרואי העדה,
למשמר ולעבודה
אלופי האגודה
כארז וצמרתו.
נשיא ומשגיחו
גזבר, וסופריהו
גבאי ועוזריהו
איש על משמרתו.

# מעמבערס

בנימין רעגירער
שניאור זלמן שור
אלחנן קאהן
צבי סווערדלאָוו
משה אלי' לייבאָוויטץ
יחזקאל גרייפער
דוד גרינבערג
דוב בער סגל
צבי טאבאקאָוו
צבי ראָזען
שלום טראָק

צבי נייטען
אלי' באכער
יואל האָלענדער
ראובן גאָלדבערג
חיים שארף
צבי הענריטש
ה' געלער
ה' זעמקין
חיים עפשטיין
שוועסטער היימאן
שוועסטער לעפלאנד

# קאָנסטיטושאָן

---

פערהאַנדלונגען פון מיטינג.

1. פאַרלעזען דעם פראָטאָקאָל.
2. איינע איינווענדונג אין פראָטאָקאָל.
3. קאָמיטע בעריכט.
4. פאָרשלאָגען נייע קאַנדידאַטען.
5. צושריפטען.
6. צו וואָהל אונד בעסטען דער חברה.
7. איננאַהמע אונד אויסגאַבע.

## ארטיקעל 1

נאָמען, צוועק אונד שפּראַכע דער חברה.

1. דער נאָמען פון דער חברה זאָל אימער גע־רופען ווערען חברה אנשי ליובאוויטש נוסח האר"י אַף בּאָראָ פּאַרק. דיעזער נאָמען זאָל נימאַלס גע־ענדערט ווערען.

2. זאָ לאַנג 7 גוטשטעהענדע מיטגלידער אין דער חברה זיך בעפינדען קען די חברה נימאַלס צו־בּראַכען ווערדען.

3. די חברה זאָל אימער האָבען אַ שוהל צום דאַווענען אונד צום לערנען, יעדען טאָג פריה און אבענדס אונד שבת ויו"ט.

4. אַלע ביכער און אַלע געשעפּטס פערהאַנד־לונגען פון דער חברה זאָל אימער געפיהרט ווערען אין דער ריינער אידישער שפּראַך, און אַלע נאָטיס אונד קאָנסטיטושאָן זאָל אויך נור אין דער אידישער שפּראַך געדרוקט ווערען.

5. עס זאָל אימער זיין אחדות און ברידער־ליכע פריינדשאַפט צווישען אַלע מיטגלידער.

6. די חברה זאָל האָבען קרקע אויף אַ בית עולם און אַלע נויטהיגע זאַכען וועלכע זיינען נויטהיג ביי איינעם טוידטעם־פאַל ר"ל.

## ארטיקעל 2

## אָרדנונגען פון מיטינגען

7. די מיטינגען ווערען צוטהיילט אין דריי סאָרטען נעמליך:

א. רעגעלע מיטינג.
ב. שפּעציעל מיטינג.
ג. גענעראל מיטינג.

די רעגעלע מיטינגען פון דער חברה זאָל זיין אַלע 14 טאָג שבת אָבענט, די צייט פון עפענען דעם מיטינג איז אום 8 אוהר **פון** סוכות ביז פסח, און

האַלב נאָך 8 אוהר פון פסח ביז סוכות, און ניט שפּעטער, און ווען עס פּאַסירט איין עקסטרא מיטינג האָט דאָס אויך די זעלבע געזעצע, און זאָ שנעל ווי די מאדזשאריטי פון די בעאַמטע זיינען פער־האַנדען און 7 מיטגלידער דאַצו, זאָל דער מיטינג געזעצליך ערעפענט ווערען.

8. אַ שפּעציעל מיטינג קען גערופען ווערען ווען 7 גוטשטעהענדע ברידער פערלאַנגען שריפטליך מיט דער אָנגאַבע פון דער אורזאַכע, מוז דער פּרע־זידענט בערופען איין שפּעציעל מיטינג אם העכ־סטענס אין 4 טאָג אַרום דורך נאָטיסעס צו אַלע מעמבערס אַיינבערופען און פון די 7 וועלכע האָבען דיעזען שפּעציעל מיטינג פערלאַנגט מוזען ביי דיזען מיטינג וויינינגסטענס 2 פון זיי קומען.

9. אַ גענעראל מיטינג זאָל אָבגעהאַלטען ווע־רען צו יעדען קוואַרטעל, נעמליך: אין מאָנאַט מערץ, יוני, סעפּטעמבער און דעצעמבער. דער צוועק פון אַ גענעראַל מיטינג איז, דאָס דער פּרעזידענט מיט דעם פינאַנס סעקרעטער זאָלען איבערגעבען אַ רע־כענונג פון די אַיננאַהמע פון דער חברה און אויך אַלע אויסגאַבען וועלכע׳עס וואר אויסגעצאָהלט דורך רעסיטס, נאַכהער מוז דער פּרעזידענט דייטליך ער־קלעהרען דעם גאַנצען בעשטאַנד פון דער חברה.

10. יעדער ברודער קען אין פּראָטאָקאָל פּראַ־גען און איין אנווענדונג מאַכען, בלויז דער ברודע־

וועלכער וואר ניט צום לעצטען מיטינג האָט ניט קיין וואָרט צום פּראָטאָקאָל, בלויז איין ערקלעהרונג קען ער פון פּרעזידענט פאָדערען.

11. שפּעציעלע זאַכען, איבער וועלכע אין דיזער קאָנסטיטושאָן איז ניט פערהאַנדעלט געוואָרען ביז יעצט קענען נור דורך איין שפּעציעל מיטינג אָדער דורך אַ גענעראל מיטינג פערהאַנדעלט ווערען און בעשליסע געפּאַסט ווערען.

12. דער פּרעזידענט מוז ערעפענען יעדען מיטינג מיט דעם נאָמען „חברה אנשי ליובאוויטש נוסח האר״י אָף בּאָראָ פּאַרק" און אויך דאָס זעלבע ביי דעם מיטינג שליסען.

## ארטיקעל 3

## נייע קאַנדידאַטען.

13. אַ נייער קאַנדידאַט דער אין אונזער חברה זיך אַיינשליסען וויל, מוז איין גוטער אָרענטליכער איד זיין, און אַ גוטען כאַראַקטער בעזיצען.

14. דער קאַנדידאַט מוז אַם ווייניגסטען זעקס מאָנאַט אין דיעזען לאַנד זיין, אויסער דער וועלכער איז גוט בעוואוסט צו אייניגע ברידער פון דער חברה, און ער מוז איין געשעפט אָדער איין אַרבייט האָבען. זאָ דאָס ער זאָל קענען מאַכען איין אָרענטליכען לעבען מאַכען, און ער מיט זיין פאַמיליע מוזען קערפּערליך געזונד זיין.

15. איין נייער קאַנדידאַט מוז נור דורך איין מעמבער פאָרגעשלאָגען ווערען מיט 1 דאלאר פאָר־שלאגס געלד, און דער ברודער מוז שריפטליך אויפ־געבען דעם נאָמען, דעם וואָהנונג, דעם געשעפט, דאָס געבורטס לאַנד און ווי אַלט דער קאַנדידאַט איז.

16. דער פרעזידענט מוז אַפּאָינטען אַ קאָמיטע פון 3 מעמבערס אויסצופינדען אויב דער קאַנדידאַט איז ווירדיג אַלס מיטגליעד אין דער חברה אויפגע־נומען צו ווערען, און אויב ער מיט זיין פאַמיליע איז געזונד, און אויב ער האָט שוין אַמאָל בעלאַנגט צו איין חברה, און ווארום ער איז אַרויס געטראָטען, פיליכט פיר אונאָרענטליכע אויפפיהרונג.

17. איין קאַנדידאַט בעפאָר 20 יאָהר ווען ער איז ניט פערהייראַט קען ער אין דער חברה ניט בעלאַנגען.

18. צו דעם צווייטען מיטינג זאָל די קאָמיטע בעריכטען אויב דער קאַנדידאַט איז גינסטיג, זאָ ווירד די באלאט באַקס פאָרגענומען, און ווען אין דער באלאט באַקס איז ניט דאָ קיינע 2 שוואַרצע באלס ווערט ער אויפגענומען אַלס מעמבער, און די מעמבערס האָבען דאָס רעכט צו יעדער צייט די באלאט באַקס אָבווייזען פיר דיעזען אָבענד, דורך צוויי דריטעל מאדזשאריטי.

19. ווען אַ קאַנדידאַט איז גינסטיג אָנגענומען געוואָרען און ער וועט זיך ניט מעלדען ביז אַ 3טען

מיטינג, דאן איז ער ניט אָנגענומען פיר אַ מעמבער און ווען ער וויל נאָך אַמאָל איינטרעטען אין דער חברה, דאן מוז ער זיך ווידער פאָרשלאָגען לאָזען, און דאָס געזעצליכע געלד בעצאָהלען.

20. ווען איין קאַנדידאַט שוואַרץ באַלאטירט וירד, האָט ער דאָס רעכט נאָך 6 מאָנאַט זיך ווידער פאָרשלאָגען.

21. אַיינקויף געלד איז נאָך די עלטער פון קאַנדידאַט, נעמליך: פון 20 ביז 30 יאָהר איז 5 $, פון 30 ביז 40 יאָהר איז 10 $, און פון 40 יאָהר און העכער איז נאָך דער אָבשטימונג פון דער חברה, און די חברה האָט דאָס רעכט צו ענדערען די אַיינ־קויף געלד ביי אַ גענעראַל מיטינג.

22. יעדער נייער מעמבער מוז דעם ערשטען יאָהר 3 דאלאר סעמעטערי טעקס אַיינצאָהלען.

23. יעדער מעמבער איז פערפליכטעט צו קוי־פען אַ סיט אין אונזער שוהל, נור ווען ער איז ניט אוסשטאַנדע צו קויפען מוז ער רענדען לויט די בעשליסע פון די שוהל־קאָמיטע ניט ווייגער פון 5 דאלאר, און ווען ער בעקומט נאָטים צו קומען רענטען אַ סיט און ער קומט ניט קען ער קיינע טענות האָבען, אויב ער בעקומט ניט דעם געווינ־שענעם סיט.

24. יעדער מעמבער מוז קויפען איין קאָנסטי־טושאָן בוך פאַר 50 סענט, און מוז זיך פיהרען לויט דיעזע קאָנסטיטושאָן.

25. יעדער נייער ברודער האָט קיינע בענע־פיטס פון דער חברה ביז נאָך 6 מאָנאַט אויסער קרקע, און איין ברודער בעפאָר 6 מאָנאַט קען ניט האָבען קיין אַמט אין דער חברה אויסער סעקרעטער.

26. ווען איין מעמבער ווירד אויסגעשטויסען פון דער חברה פיר ניט אָרענטליכע אויפפיהרונגען קען ער נימאַלס אַריין קומען אין דער חברה אַלס אַ מעמבער.

## ארטיקעל 4

### די בייטראגע פון מעמבערס.

27. יעדער מעמבער מוז צאָהלען 1.00 דאלאר אַ מאָנאַט פיר דיוס און עליות, פאַר מי שברך׳ס צאָהלט ער די העלפט, חוץ שלש רגלים און ימים נוראים, איז אַלעס אין גאַנצען וויפיעל ער איז מנדר.

28. יעדער מעמבער מוז צום גענעראַל מיטינג וויינינגסטענס 2 דריטעל פון זיינע שולדען בעצאָהלען ווען ער בעצאָהלט ניט קיינע 2 דריטעל פון די שולדען איז ער אין דער ריער, און איז ניט בערעכ־טיגט צו קיינע בענעפיטען פון דער חברה אויסער קרקע, און ביי אַ מיטינג קען ער ניט שטימען ביי יעדער אָבשטימונג.

29. ווען אַ מעמבער שטעהט אין דער ריער די גאַנצע 3 מאָנאַטען צייט און ער בעצאָהלט ניט זיינע גאַנצע שולדען ווערט ער געזעצליך סוספענדירט, נאָר דער סעקרעטער מוז איהם שיקען אַ גערעדזשיס־טען נאָטיס.

## אַרטיקעל 5

## דאָס רעכט פון אַ מעמבער.

30. יעדער ברודער וואָס איז גוטשטעהענד
האָט דאָס רעכט צו שפּרעכען ביי אַ מיטינג אין יע־
דער פערהאַנדלונג ווען ער בעט דאָס וואָרט פון
פּרעזידענט, און יעדער גוטשטעהענדער מעמבער איז
בערעכטיגט צו שטימען ביי יעדער אָבשטימונג.

31. ווען אַ מעמבערס אַ זוהן ווערט בר מצוה
אָדער ווען אַ מעמבערס אַ חתן אם שבת קודם
החתונה זיך אין שוהל בעפינדעט, זאָל דער מפטיר
ניט פערקויפט ווערען, ווייל דער מפטיר געהערט
צום חיוב, ווען איינינע חיובים אין איין שבת זיך
צוזאַמען טרעפען זאָל זיין על פי גורל.

32. ווען אַ מעמבער פערהייראַטהעט זיין קינד
האָט ער דאָס רעכט צו שטעהן אויף דער בימה אצל
הגבאי אום די עליות צו פערטהיילען צו זיינע
מחותנים, און ער בעקומט די חופה מיט די עלעק־
טריק אין שוהל פריי דורך די מעלדונג פון פּרעזי־
דענט אָדער די גבאים.

33. יעדער מעמבער ווען ער איז ניט קיין חיוב
און ער ווינשט איינע עליה צו האָבען, זאָ מוז ער
דעם שמש קודם קריאת התורה מעלדען.

34. ווען די ברידער געפינען אויס אַז אַ בע־
אַמטער פון דער חברה געהט ניט נאָך דיעזע קאָנ־

סטיטושאָן, זאָלען זיי אַ קלאַגע אַריין ברייננען שריפטליך מיט 5 אונטערשריפטען פון מעמבערס, און נאָך אַ ריכטיגע אונטערזוכונג קען ער סוספענ־דירט ווערען פון זיין אַמט מיט צוויי דריטעל מאדזשאַריטי.

35. ווען אַ ברודער געהט קלאַגען אַ ברודער אין געריכט, בעפאָר ער האָט דאָס געמאָלדען צו אַ מיטינג, ווערט ער בעשטראָפט מיט 10 דאלאר.

## אַרטיקעל 6

### קראַנקען בענעפיט.

36. ווען איין ברודער וועלכער גוטשטעהענד איז און ער מעלדעט זיך קראַנק, דאן מוז ער באַלד פון אַ קראַנקען קאָמיטע אונטערזוכט ווערען, און שבת און זונטאָג מוז דער פרעזידענט און דער וויים פרעזידענט איהם בעזוכען.

37. ווען די קאָמיטע בעריכטעט אַז דער קראַנ־קער ברודער איז נויטליידען איז, דאַן מוז ער אונ־טערשטיצונג בעקומען, ווען די אונטערשטיצונג מוז געגעבען ווערען אין צייט ווען עס איז קיין מיטינג פערהאַנדען, מוז דער פרעזידענט בערופען איין טרוסטי מיטינג מיט אַלע בעאַמטע און אין דעם זעלבען טאָג מוז די בעשליסע אין טהאַט קומען, דער פרעזידענט האָט דאָס רעכט צו געבען ניט מעהר

ווי 5 דאלאר. דער סעקרעטער זאָל דאָס קראַנקען קאָמיטע נאָך דעם בוך אויס שיקען.

38. ווען עס איז ח"ו נויטווענדיג שמירה, דאַן מוז עס גלייך פון דער חברה בעזאָרגט ווערען און ווען אַ קינד פון אַ ברודער איז גוסס ר"ל און מען ברויך שמירה, זאָ מוז אויך די חברה שמירה שיקען.

39. קיין ברודער קען דיזען בענעפיט בעקומען ווען ח"ו איין אַנשטעקענדע קראַנקהייט אין שטאָדט הערשט.

40. צו דיזע בענעפיטס איז נור בערעכטיגט איין מעמבער דער אין באָראָ פּארק וואָהנט ווען אַ קראַנקער ברודער איז אין האָספּיטאַל, דאַן בעקומט ער 2 מאָל אין וואָך אַ קאָמיטע בעזוך, ווען די פרוי פון אַ מעמבער אָדער אַ קינד איז קראַנק חלילה און מען ברויכט שמירה, מוז די חברה דאָס באַלד בעזאָרגען.

## ארטיקעל 7

### בענעפיט פיר שטאַרבען פעלע

41. יעדער ברודער וועלכער גוטשטעהענד איז אין דער חברה, האָט די פאָלגענדע רעכטע אונד בענעפיט פון דער חברה.

42. ווען אַ ברודער אָדער די פרוי פון אַ ברו־דער איז געשטאָרבען ח"ו, מוז די חברה געבען אַלע הצטרכות המת. קיין אויסנאַהמע אָרעם אָדער רייך,

מוז פון דער חברה געגעבען ווערען אַלעס, קרקע אויסריכטונג, מתעסקים, טויטענוואַגען, קערידזש.

43. בעת הטהרה פון איין מעמבער אָדער מעמבערין מוז די חברה איין מנין געבען תהלים צו זאָגען בעד נשמתם, און אַ מנין צו זאָגען קדיש אויף דעם בית עולם.

44. ווען ביי אַ ברודער איז געשטאָרבען איי־נער פון זיין פאַמיליע און ער ברויכט צו זאָגען קדיש מוז ער קריגען אַ מנין די גאַנצע וואָך אין פאַל ווען ער וואָהנט ניט ווייטער ווי 15 בלאָק פון שוהל.

45. ווען ח"ו ביי אַ ברודער אַ קינד שטאַרבט, פון געבורט ביז 6 יאָהר ברויכט די חברה בלויז אַ קערידזש געבען און אַלע עקספענסעס, און פון 6 יאָהר אַלט דאַרף די חברה געבען אַ טויטענוואָגען אויך.

46. איין טאָכטער איז אונטער דעם פאָטערס שוטץ ביז דער חתונה, און אַ זוהן ביז 21 יאָהר ווען זיי זיינען נור ביי זייער פאָטער, אָבער ווען זיי האָבען אייגענע ביזנעס זיינען זיי ניט בערעכטיגט צו בענעפיטס.

47. ווען עס איז געשטאָרבען אַ ברודער וועל־כער איז געוועזן גוטשטעהענד, און די אלמנה איז אין נויטה, זאָל זי געשטיצט ווערען ביז 50 דאלאר די געלד מוז ביז 30 טעג זיין אַיינגעצאָהלט פון דער חברה.

48. די אלמנה האָט דאָס רעכט צו בעלאַנגען צו דער חברה אַז זי צאָהלט די דיוס האַלב אויסער טעקסעס.

49. איין מעמבער וועלכער הייראַטה אַ פרוי און זי האָט קינדער פון ערשטען מאַן, בעלאַנגען די קינדער ניט צו קיינע בענעפיטס.

50. ווען אַ ברודער שטאַרבט פון אונמאָראַלישע קראַנקהייט, דאַן איז ער פון אַלע בענעפיטס ענטצאגען, אויסער קרקע.

51. צו יעדער יאָהרצייט פון אַ געשטאָרבענעם ברודער, מוז די חברה קדיש זאָגען.

52. ווען אַ ברודער איז געשטאָרבען און זיין פאַמיליע איז אין יוראָפּ, מוז די חברה לאָזען זאָגען קדיש 4 וואָכען ביז די פאַמיליע וועט זיך דערוויסען.

53. ווען אַ מעמבער קריגט נאָטיס ער זאָל געהן צום אבל דאַווענען און זיין געשעפט ערלויבט איהם ניט צו געהן, מוז ער דינגען אַ מאַן פאַר זיך, אָדער 50 סענט בעצאָהלען אין דער חברה.

54. ווען אַ מעמבער שטאַרבט און האָט ניט קיינע זיהן צו זאָגען קדיש, זאָל מען זעהן אַז מען זאָל זאָגען 11 מאָנאַט קדיש און דער שמש זאָל מאַכען אל מלא רחמים דעם גאַנצען יאָהר. — און עס זאָל אויך יעדעם יאָהרצייט געהאַלטען ווערען פיר דעם פערשטאָרבענעם ברודער.

55. ווען אַ ברודער בעלאַנגט צו מעהר חברות אָדער סאָסייעטיס, און ער ווערט מקובר אויף איין אַנדערען בית הקברות, בעקומט ער אויך פון דער חברה אַ קערידזש און אַ מנין.

## ארטיקעל 8

## בעאַמטע פון דער חברה.

56. די בעאַמטע פון דער חברה זאָל בעשטעהן פון אַ פּרעזידענט, וויים פּרעזידענט, טרעזשורער, פּראָטאָקאָל סעקרעטער, פינאַנס סעקרעטער און 3 טראָסטיעס, 2 גבאים, און זייער אַמט פאַנגט זיך אָן דעם 1טען שבת וואָס נאָך סוכות און דעם 1טען שבת וואָס נאָך פסח.

57. אַלס בעאַמטע קענען נור אַזעלכע מעמ־בערס ווערען די וועלכע בעלאַנגען 6 מאָנאַט צו דער חברה און זיי מוזען שרייבען און רעכענען קענען, און פאַר די אינסטאָליישאָן מוז יעדער בעאַמטער אַלע זיינע שולדען בעצאָהלען, הן פון די דיוס און שנדר געלד, והן פון סיק געלד.

58. די בעאַמטע טאָרען ניט זיין קיין פריינד ביז סעקאָנד קאָזינס.

59. אַלע קאַנדידאַטען וועלכע זיינען פיר איין אַמט, מוזען פון די ברידער פאָרגעשלאָגען ווערען.

60. פאַר פרעזידענט און וויים פרעזידענט קע־
נען נור אַזעלכע ברידער ערוועהלט ווערען, וואָס
האָבען שוין אין דער חברה איין אַמט געהאַט.

## ארטיקעל 9

## וואהל (עלעקשאָן) פיר בעאַמטע.

61. יעדעס האַלבע יאָהר ווערען די בעאַמטע
געוועהלט בלויז אויף אַ האַלב יאָהר. זייער אַמט
פאַנגט זיך אָן דעם ערשטען שבת נאָך סוכות און
דעם ערשטען שבת נאָך פסח.

62. דער פרעזידענט מוז צום ערעפנונג דעם
וואהל איין קאָמיטע ערוועהלען פון 3 גוטשטעהענדע
מעמבערס, אום די נאָמינייש‌אָן ריכטיג צו אַטענדען,
אָפּצונעהמען די שטים צעטלען און גוט אויפפּאַסען
אַז יעדער ברודער זאָל נור 1 שטים צעטעל אָפּגע־
בען, און נאַכהער צוצעהלען ריכטכיג די שטימען,
און די וואוטס מוז שריפטליך אָנגעגעבען ווערען.

63. דער סעקרעטער זאָל נאַכהער פאָרלעזען
די אָבגעגעבענע שטימען פון די ערוועהלטע בע־
אַמטע און וועלכער מעהר שטימען האָט, דער איז
ערוועהלט פיר נעכסטען האַלב יאָהר.

64. צו וואוטען זיינען נור בערכטיגט אַזעלכע
מעמבערס וועלכע זיינען אָנוועזענד צום עלעקשאָן
מיטינג, אָבער ווען אַ מעמבער איז אבוועזענד קען
זיין שטימע ניט גילטיג זיין, די זעלבע איז צו נאָ־

מענירען די בעאַמטע מוז דער נאָמענירטער אנווע־
זענד זיין. קיין ברודער קען ניט 2 אַמטען האָבען.

65. דער עקס פרעזידענט מוז אַלע דאָקומענ־
טען פון שוהל צום נייעם פרעזידענט איבערגעבען
מיט אַ רעכנונג פון לעצטען האַלב יאָהר, מיט אַלע
רעסיטס פון אַלע אויסגעצאָהלטע געלדער.

## ארטיקעל 10

### פליכטען דאָס פרעזידענט.

66. דער פרעזידענט איז פערפליכטעט צו קו־
מען צו יעדען מיטינג רעגולאר, און די מיטינגס אין
אָרדנונג פיהרען און פינקטליך צו דער צייט עפענען
די מיטינגען.

67. ווען דער פרעזידענט קומט ניט צום מי־
טינג מוז ער בעפאָר מעלדען די אורזאַכע, און ווען
ער קומט ניט 3 מאָל רעגולאר צום מיטינג אָהנע
געוויסע אורזאַכען, דאַן ווערט ער אָהנע דעבאַטען
פון זיין אַמט סוספענדירט.

68. דער גבאי מוז אַלע שבת אין שוהל קומען,
און צו יעדען ברודער איין עליה געבען ווען עס
קומט אוים זיין צייט.

69. דער גבאי האָט צו זאָרגען אַז אַלע שול־
דען פון די מעמבערס און פון די אורחים זאָל אימער
אין דער צייט קאָלעקטעט ווערען.

70. דער טראָסטיע איז פערפליכטעט די גוטע אָרדנונג אין שוהל אַם שטרענגסטען צו האַלטען.

71. דער פרעזידענט האָט דאָס רעכט אין אַלע ביכער פון דער חברה אימער נאַכזעהן, און ער מוז ערוועהלען אַ רואה חשבון קאָמיטע אויף אַ האַלב יאַהר און בעפאָר סוכות איין פינאַנס קאָמיטע, זיי זאָלען אויסגעגפינען אויב די רעכנונגען איז ריכטיג.

72. דער פרעזידענט מוז אימער אָנצייגען צו אַלע בעאַמטע וואָס און ווען זיי געזעצליך צו טהאָן האָבען.

73. דער פרעזידענט האָט דאָס רעכט 5 דאלאר אַ האַלב יאָהר אוים געבען אויף שוהל זאַכען אָהן אַ מיטינג ווען ער דאָס פיר נויטהיג פינדעט, און ער מוז דאָס צום נעקסטען מיטינג מעלדען.

74. דער פרעזידענט מוז ביים מיטינג אַלע קאָמיטעס אַפּאָינטען, פון אַלע קאָמיטעס זאָל דער פרעזידענט 2 דריטעל און דער וויים פרעזידענט 1 דריטעל אַפּאָינטען.

75. ביי אַ מיטינג זאָל קיינע פריוואַט געשפרע־כען פאָרקומען, און אויף אַלע פראַגען מוז דער פרעזידעט אַ ריכטיגע ערקלעהרונג געבען.

76. איין ברודער וועלכער איז גוטשטעהענד און ער פאַדערט דאָס וואָרט מוז דער פרעזידענט איהם גלייך בעוויליגען, נור ווען אַ ברודער איז אויסער אָרדער, דאַן קען איהר דעם פרעזידענט צו

אָרדער רופען און ווען ער איהם ניט געהאָרכט 2 מאָל, קען ער איהם בעשטראָפען פון 25 סענט ביז 1 דאלאר, נאָך די אונאָרדנונג נאָך.

77. דער טשאַרטער מוז אונטער דעם שוטץ פון פרעזידענט אימער זיין, און אַלע טשעקס מוזען פון איהם אונטערגעשריבען ווערען, צו יעדען קוואַרטעל מיטינג מוז דער פרעזידענט צייגען דעם טשאַרטער צו אַלע מעמבערס ביי ערעפענען דעם מיטינג.

78. ווען דער פרעזידענט מאַכט אַ קלאַגע געגען אַ ברודער מוז ער דעם טשער פערלאָזען ביז נאָך דער פערהאַנדלונג.

79. דער פרעזידענט מוז אימער די ריער ליסט ביי זיך האָבען.

80. ווען אַ נייער פרעזידענט ווערט ערוועהלט, מוז דער עקס פרעזידענט אַלע חברה זאַכען, פאַפּירען, דאָקומענטען, רעסיטס און זיעגעל, וועלכע ער נור ביי זיך האָט, דעם נייעם פרעזידענט איבערגעבען און ווען ער וועל דאָס ניט טהאָן, זאָל ער סוספענדירט ווערען פון דער חברה, און די זאַכען זאָלען גערינטליך פון איהם אָבגענומען ווערען.

## ארטיקעל 11

### פפליכטען פון וויים פרעזידענט.

81. דער וויים פרעזידענט איזט צו הילפע דעם פרעזידענט, און אין זיין אָבוועזענהייט זיין שטעלע

צו פערטרעטען, און זיינע פליכטען צו אַטענדען, און ווען דער פרעזידענט ווירד פון זיין אַמט אַראָפּ־געזעצט, דאַן נעמט ער דעם טשער איבער ביז דעם נעקסטען מיטינג.

82. דער וויים פרעזידענט מוז צו יעדען מי־טינג קומען, אויך מוז ער וויינינגסטענס יעדען שבת ויו"ט אין שוהל צום דאַווגען זיין.

83. דער וויים פרעזידענט שטעהט אונטער אַלע פאָרגעשריבענע געזעטצע ווי דער פרעזידענט, ער האָט אויך צו זאָרגען פיר די אָרדנונג אין שוהל בעת התפילה, ווי אויך צו האַלטען די אָרדנונג צום מיטינג.

84. ער מוז אויך אַ קראַנקען ברודער בעזוכען און אַ אבל ר"ל 2 מאָל אין וואָך.

## ארטיקעל 12

### פפליכטען פון פראָטאָקאָל סעקרעטער.

85. דער סעקרעטער מוז צו יעדען מיטינג קו־מען, זאָנסט מוז ער אַ געוויסע אורזאַכע אָנגעבען.

86. דער סעקרעטער מוז פיהרען איין ריכטי־גען רעקאָרד פון דער חברה, און מוז פיהרען די ביכער ריכטיג וועגען אַלע געשעפטען פון דער חברה, און ביי יעדען מיטינג זאָל ער פאָרלעזען אַלע בעאַמטע און אויך דעם פראָטאָקאָל פון לעצטען מיטינג פאָרלעזען.

87. אַלעס וואָס עס ווערט ביים מיטינג גע-פאַסט און אַלע וויכטיגע בעריכטען מוז ער אין פּראָ-טאָקאָל נאָטירען, און אַלעס אין ריין אידישע שפּראַך שרייבען און פאָרלעזען.

ארטיקעל 13

פפליכטען פון פינאַנץ סעקרעטער.

88. דער סעקרעטער מוז צו יעדען מיטינג קו-מען און אַלע געלדער אין עמפפאַנג נעהמען און ריכטיג פערשרייבען, און נאָכהער פערשרייבען יע-דען אין קאַסע בוך.

89. די ריער ליסטע ריכטיג צו יעדען מאָנאַט דעם פּרעזידענט איבערגעבען, און אַלע ריער לע-טערס צו שרייבען. ווען דער פּרעזידענט פאָדערט פון איהם, און יעדען קוואַרטעל צו שרייבען נאָטיס צו אַלע מעמבערס מיט אַ דייטליכען רעכנונג ווי-פיעל יעדער ברודער איז שולדיג.

90. שבת און יו"ט מוז ער אין שוהל זיין, און אבענדס אַלע שנדר געלדער אין בוך איינציהען.

91. צו אַיין עקסטראַ מיטינג מוז ער נאָטיסעס שרייבען צו אַלע מעמבערס.

## ארטיקעל 14

## פפליכטען פון טרעזשורער.

.92 דער טרעזשורער מוז אַלע מיטינגען ביי וואָהנען. און אַלע געלדער אין עמפפאַנג צו נעהמען און לויט דעם בוך ערהאַלטען און קוויטירען.

.93 זאָ באַלד עס קומט אַ טשעק אונטערגע־שריבען פון פרעזידענט און פון סעקרעטער, דאַן מוז ער גלייך אויסצאָהלען.

.94 דער טרעזשורער מוז סעקיוריטי געבען נאָך דער בעשטימונג פון דער חברה, ווען ער נעמט אָן זיין אַמט.

.95 ביז 25 דאלאר קען דער טרעזשורער אין זיין האַנד האָבען, איבער 25 דאלאר מוז דורך די טרוסטיעס אין די באַנק דעפּאָניערט ווערען אויף דעם נאָמען פון דער חברה.

.96 אַלע אויסגאַבען מוז דורך בילס אויסגע־צאָהלט ווערען, און אַלע 3 מאָנאַט מוז ער מיט די סעקרעטערע אַ ריינעם חשבון האָבען.

.97 ווען די רואה חשבון קאָמיטע פאָדערען אויף די טשעקס פון די אויסגאַבען, דאַן מוז ער זיי דיזעלבע צייגען.

.98 זאָ באַלד עס קומט אַ טשעק פון פרעזי־דענט און ער צאָהלט ניט אויס, איז ער פון זיין אַמט סוספּענדירט, אויסגענומען ווען עס איז איין אורזאַ־כע דאַביי.

## ארטיקעל 15

## פפליכטען פון טרוסטיעס.

.99 די טרוסטיעס מוזען שבת ויו"ט בעת התפילה אַ גוטען אָרדנונג האַלטען, נעמליך: יעדען ברודער אין פריינדליכען אַרט צו בעהאַנדלען, און יעדען אורח איין סיט אָנצייגען, און ווען אַ מעמבער וויל זיך ניט רוהיג פערהאַלטען בעת התפילה וקריאת התורה מוז איהם דער טרוסטיע 2 מאָל בע־טען צו אָרדער און ווען ער פאָלגט ניט, קענען זיי איהם בעשטראָפען מיט 50 סענט, און זיי מוזען דאָס מעלדען צום פרעזידענט און ער זאָל דאָס בעריכטען צום נעקסטען מיטינג.

.100 צו יעדען מיטינג דאַרפען זיי זעהן, עס זאָל קיינע פריוואַט געשפרעכען ניט זיין און זיי האָבען דאָס רעכט צו בעשטראָפען אַ מעמבער מיט 50 סענט ווען ער וויל ניט פאָלגען די אָרדנונגען פון די טרוסטיעס.

.101 אין דער צייט פון מיטינג זאָל דער 1טער טרוסטיע זיצען ביי דעם פרעזידענט, און דער 2טער ביי דעם וויים פרעזידענט.

.102 ווען איין טרוסטיע קומט ניט 3 שבתים נאָכאַנאַנד צום דאַוונען, אָדער ער קומט ניט צו 3 רעגעלע מיטינגען ווערט ער געזעצליך סוספענדירט פון זיין אַמט.

103. ווען די טרוסטיעס ווילען ניט נאָכקומען די אַלע פּפליכטען, קען דער פּרעזידענט בערופען אַ שפּעציעל מיטינג, און ערוועהלען אַ נייע טרוסטיע קאָמיטע, ווען אַ מאַדזשאָריטי איז איינשטימינג צו דעם.

## ארטיקעל 16

### פּפליכטען פון שמש.

104. וואהל פיר שמש מוז זיין דעם 2טען מיטינג אין מאָנאַט דזשון יעדען יאָהר. די שטעלע פיר שמש קען פערנעהמען אפילו ניט קיין מעמבער פון אונזער חברה, דער שמש ווערט ערוועהלט דורך שטים צעטלען מעהר ווי 2 דריטעל פון די ברידער וואָס ווערלען זיך געפינען ביי דעם מיטינג, ווערט ער ערוועהלט. אַ שמש האָט קיין חזקה ניט, און קיינע נאָמים דאַרף געגעבען ווערען צום שמש, און ער האָט קיין חזקה פּאָדערונגען פון דער חברה.

105. אַ שמש מוז סעקיוריטי אין קעש געבען, נאָך דעם בעשלוס פון דער חברה.

106. דער שמש איז פערפליכטעט אַלע געל־דער פון אורחים צו קאָלעקטען, און איבערגעבען צום סעקרעטער די נעמען פון די אורחים און דאָס געלד צום מיטינג איבערגעבען.

107. ביי יעדען טויטען־פאַל מוז ער פאָהרען אויף דעם בית עולם, און פיר זיין טראָבעל בעקומט ער 5 דאלאר.

108. ווען אַ מעמבער איז ח"ו קראַנק און ער מעלדעט דעם שמש מוז ער גלייך מעלדען דעם פּרע־זידענט און דעם סעקרעטער.

109. יעדען טאָג מוז ער עפענען די שוהל אום 5 אוהר מאָרגענס און אָבענדס, און אַלעס אין אָר־דנונג צו האַלטען, און איבעראַל זאָל ריין זיין.

110. ווען מעהרערע ברידער פון דער חברה געפינען אויס אַז דער שמש קומט ניט נאָך זיינע פפליכטען האָבען זיי דאָס רעכט אויפפאָדערן דעם פּרעזידענט צו רופען זאַפּאָרט אַ ספּעציעל מיטינג און אויב עס ווערט דער קאָמפּליין אָנגענומען, קען דער שמש ביי דיזען מיטינג ענטזאגט ווערען פון זיין אַמט אָהנע קיינע פאָדערונגען פון דער חברה.

## ארטיקעל 17

### פפליכטען פון רואה חשבון קאָמיטע.

111. זיי מוזען נאָכזעהן אַלע 3 מאָנאַט אויב די ביכער זייען אין גוטען אָרדנונג, און ברייגגען אַ בעריכט צום מיטינג פון דעם בעשטאַנד פון די גאַנצע איינגאַהמען און אויסגאַבען.

112. די רואה חשבון קאָמיטע האָבען דאָס רעכט צו יעדער צייט די ביכער צו אונטערזוכען ווען זיי געפינען דאָס פיר נויטהיג.

113. ווען זיי אַטענדען ניט ריכטיג זייער פּפליכט, דאַן ווערען זיי גלייך פון זייער אַמט סוס־פּענדירט.

114. זיי מוזען זייערע בעריכטע צו די קוואַר־טאל מיטינגען שריפטליך אַריינברייננען, און זייערע נעמען אונטערשרייבען.

## אַרטיקעל 18

## שטראַפע פון דער חברה.

115. ווען איין ברודער וועלכער ווערט גע־וועהלט צו איין קאָמיטע און האָט ניט אַטענדעט ביז נעקסטען מיטינג ווערט ער מיט 50 ס. בעשטראָפט.

116. ווען אַ ברודער ווערט געוועהלט צו קראַנ־קען קאָמיטע און ער האָט ניט אַטענדעט ווערט ער מיט 50 סענט בעשטראָפט.

117. ווען איין ברודער בעליידיגט עפענטליך איין בעאַמטען אין שוהל בעת התפילה אָדער ביי אַ מיטינג ווערט ער דאָס ערשטע מאָל בעשטראָפט מיט 1 דאלאר און 3 מאָנאַט ריער, דאָס צווייטע מאָל נאָך דער בעשליסע פון דער חברה, און ווען ער בעליידיגט איינעם פון די ברידער, זאָל ער בע־שטראָפט ווערען דעם ערשטען מאָל מיט 50 סענט, און דאָס צווייטע מאָל איז נאָך דעם בעשלוס פון דער חברה.

118. ווען איין ברודער ווערט גערופען צו אָר־ דנונג פון פרעזידענט און ער פאָלגט ניט, דאַן ווערט ער בעשטראָפט מיט 50 סענט דאָס ערשטע מאָל, דאָס צווייטע מאָל מיט 1 דאלאר און דאָס דריטע מאָל מיט 1 דאלאר און 3 מאָנאַט ריער. ווען דער ברודער דאַן פאָלגט ניט האָט דער פרעזידענט דאָס רעכט דורך די טרסטיעס איהם אַרויסצופיהרען און 6 מאָנאַט ריער.

119. ווען איין ברודער פאַנגט אָן צו ריידען ביי אַ מיטינג און האָט דאָס וואָרט פון פרעזידענט ניט פערלאַנגט, ווערט ער מיט 50 ס. בעשטראָפט.

120. ווען איין ברודער מאַכט פריוואַט אַ מי־ טינג אום די אָרדנונג און דעם שלום ואחדות פון דער חברה צו שטערען, ווערט ער מיט 6 מאָנאַט ריער בעשטראָפט.

121. ווען אַ מעמבערס אַ פרוי איז אַ יולדת אָדער זיין זוהן איז בר מצוה, אָדער ער מאַכט חתונה אַ זוהן, אָדער אַ יאָהרצייט, און ער גיעהט דאַוונען אין איין אַנדער שוהל, זאָל ער בעשטראָפט ווערען מיט 5 דאלאר.

122. ניעמאַנד דאַרף אויסזאָגען פון אַלע פער־ האַנדלונגען ביי אַ מיטינג, און ווען עס ווערט אי־ בערצייגט, דאָס יעמאַנד האָט אויסגעזאָגט די פער־ האַנדלונגען פון דער חברה, דאָס ערשטע מאָל צו בעשטראָפען מיט איין דאלאר, נאַכהער נאָך די אָב־ שטימונג פון דער חברה.

123. ווען אַ ברודער האַנדעלט גענען די פּאַר־געשריבענע געזעצע, דאַן ווערט ער מיט 3 מאָנאַט ריער בעשטראָפט.

## ארטיקעל 19

## תקנות בית הכנסת (שוהל געזעצע)

124. מנהג וסדר התפילה זאָל זיין נוסח האר"י.

125. ר"ה ויוכ"פ און שלש רגלים, זאָלען די עליות פערקויפט ווערען אין פולען פרייז.

126. ווען די שוהל וועט ווערען איבערגעבויט זאָל יעדער סיט האָלדער האָבען זיין סיט ווי ער האָט יעצט גערעכענט פון ארון קודש.

127. די צוגעקומענע סיטס זאָלען פערקויפט ווערען.

128. קיין מעמבער זאָל ניט אויסטהאָן דעם טלית בעפאָר עלינו, זאָנסט ווערט ער בעשטראָפט מיט 50 סענט.

129. דער גבאי זאָל טהיילען די עליות צו אַללע מעמבערס נאָך דעם בוך נאָך, און ער זאָל זעהן אַלעמען צופרידען שטעלען.

130. עס איז ניט ערלויבט אַרויס צונעהמען אַ ספר תורה אָדער ספרים פון שוהל, אָהנע די ער־לויבענים פון די גבאים.

131. עס איז ניט ערלויבט קיין מעמבער צו מאַכען אַ מנין שבת ויו"ט אין דער פריה, אויסער מיט די ערלויבנים פון די גבאים.

132. ווען איין אונבעקאַנטער אורח פערלאַנגט איין עליה אָדער אַ מצוה צו קויפען זאָל דער אורח אָנצייגען אַ מעמבער אַלס אַ גוט זאָגער פאַר איהם.

133. ווען אַ אורח פערלאַנגט צו מאַכען אַ חופה אין שוהל זאָל ער 10 דאלאר אין חברה צאָלען.

134. יעדער מעמבער זאָל האַלטען אין אָר־דנונג זיינע קינדער ווען זיי קומען אין שוהל, זאָנסט קען דער טרוסטיע זיי פערוועיזען פון שוהל.

135. ווען אַ מעמבער ווערט גערופען צו איין עליה און ער וויל ניט געהן זאָל ער בעשטראָפט ווערען מיט 3 דאלאר פאַר בזיון התורה.

136. עס איז ניט ערלויבט קיינעם צו געהן צום עמוד דאַוונען שבת אָדער יו"ט אויסער ווען דער גבאי, טרוסטיע אָדער שמש ערלויבט.

137. אַלע מעמבערס פון דער חברה ווערען פאַר גלייכגילטיג גערעכענט, עס איז קיין אונטער־שיעד אָרעם צו רייך.

138. יעדער מעמבער איז מחויב צו זעהן אַז אין דער חברה זאָל ניט פאָרקומען קיין מחלוקת און עס זאָל אימער זיין נור שלום ואחדות.

## אַרטיקעל 20

### געזעטצע ווענען די סיטס פון שוהל.

139. יעדער מעמבער איז פערפליכטעט צו קוי־פען אַ סיט אין שוהל, און קען דאָס אויסצאָהלען אין

2 יאָהר צייט, נור ווער עס איז ניט אימשטאַנדע צו קויפען אַ סיט, מוז ער רענטען אַלע יאָהר אַ סיט, זאָנסט ווערט ער געטעקסט מיט 5 דאלאר, זאָגאַר ווען ער בעזוכט ניט די שוהל.

.140 די סיטס וועלכע זיינען ניט פערקויפט זאָלען אימער פאַר ימים נוראים פאַררענט ווערען, אַ סיט ווערט פאַררענט אויף אַ גאַנץ יאָהר.

.141 אַלע גערענטע סיטס מוזען אין פאָראויס בעצאָהלט ווערען, יעדער סיט האָלדער האָט חזקה צום סיט פאַר דעם פרייז וואָס די קאָמיטע בעשטימט אויסער ווען דער סיט איז פערקויפט געוואָרען.

.142 ווען איין מעמבער פעררענט זיין סיט צו איין אַנדערען, זאָל ער מעלדען צו דער שוהל קאָ-מיטע, און די שוהל קאָמיטע מוז דעם סיט האָלדער בעצאָהלען לויט עס איז פעררענט געוואָרען מיט 10 פראָצענט ווענינער.

.143 די קוואַרטאל געלד פון סיטס מוז רע-געלמעסיג געצאָלט ווערען יעדען קוואַרטאל, זאָנסט שטעהט ער אונטער די פונקטען פון זיין ריער און אַ מעמבער האָט אַ זכות מען זאָל איהם וואַרטען 30 טעג נאָך זיין קוואַרטאל.

.144 ווען איין מעמבער וועלכער ווערט גע-שטראָכען פון דער חברה, אָדער ער גיט אויף זעלבסט זיינע מעמבערשאַפט, און זיין סיט איז שוין

אויסגעצאָהלט, ברויכט ער 5 דאלאר טעקס יאָהר־ליך בעצאָהלען אין דער חברה, און ווער עם בע־צאָהלט ניט דיעזען טעקס, האָט די חברה דאָס רעכט צו פעררענטען זיין סיט.

145. ווען איינער וויל פערקויפען זיין סיט מוז ער בעפאָר מעלדען די ברידער, און ווען קיין ברודער וויל דאָס ניט אָפּקויפען, קען ער פערקויפען זיין סיט נור צו איין אָרענטליכען אידען, אָבער ווען די חברה וויל דעם סיט אליין אָפּקויפען, האָט די חברה דעם זכות צו קויפען מיט 10 פּראָצענט ביליגער.

146. אַלע שולדען אין שוהל מוז בעצאָהלט ווע־רען בעפאָר ער פערקויפט זיין סיט, זאָנסט קען די חברה פעררענטען זיין סיט פאַר די שולדען.

147. ווען א מעמבער שטאַרבט בלייבט זיין סיט צו זיין פרוי ביז זי הייראַטה, נאַכהער גע־הערט דער סיט צו זיינע יורשים.

148. קיינער טאָר ניט רעדען בעת התפלה וקריאת התורה, זאָנסט ווערט ער בעשטראָפט לויט דיעזער קאָנסטיטושאָן.

## ארטיקעל 21

## תקנות בעלי מתעסקים.

149. חברה קדישא לייט מוזען זיין די מת־עסקים.

.150 ווען עס טרעפט אַ טוידטעס פאַל מוז מען גלייך דעם גבאי מעלדען, און ער מוז זיך גלייך איינפינדען.

.151 ווען דער גבאי איז ניט צו הויז האָט דער גבאי שני צו אַטענדען.

.152 ווען איין חברה מאַן קריגט נאָטים פון גבאי אַז ער האָט צו אַטענדען, מוז ער גלייך זיך איינפינדען.

.153 ווען איינער פון די מתעסקים קומט ניט צו דער ריכטיגער צייט, ווערט ער בעשטראָפט נאָך בעשלוס פון די בעלי מתעסקים.

.154 אַלע יאָהר ט"ו כסלו מוזען די מתעסקים מיט די בעאַמטע אַרויספאָהרען אויף דעם בית עולם און לעת ערב מאַכען זיי איין סעודת מצוה.

.155 די עליות פון אחרון של פסח, שמיני עצרת, געהערט צו די מתעסקים, נור קיינער האָט קיין רעכט צו שנדר'ן אויף דער סעודה, זאָדערן מען זאָהל נעהמען 10 דאלאר פון'דער קאַסע.